# פרשת מטות - מסעי כ"ד תמוז - א' אב תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת מטות - מסעי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **מענדל פרענקל** שליט"א, ולבן הר"ר **שמשון גרינבוים** הי"ו, ולבן הר"ר **דוד לייב ברוין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

***וזה תוכן השיחה** (במסיבת לחיים):*

**רבינו:** עס שטייט פונעם הייליגען **בארדיטשוב'ער רב זי"ע**, אז די גמרא (ברכות ו.) זאגט, אז דער אייבערשטער לייגט תפלין יעדן טאג. פרעגט די גמרא, וואס שטייט אין די פרשיות פונעם אייבערשטען. ביי אונז שטייט די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד (דברים ו-ד), און אין תפלין דמארי עלמא שטייט, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ (דבה"א יז-כא). ווען פאר יודען גייט גוט, נו איז מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, אבער ווען פאר יודען גייט נישט גוט, איז עס נישט קיין פאר פארן אייבערשטען. הושענא למען פארך, דער אייבערשטער זאל אונז העלפן וועגן זיינע תפלין, וועגן זיין פאר, וואס עס שטייט דארט מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. אז עס פאלט אראפ תפלין אויף דער ערד, דארף מען פאסטן. ווען דער אייבערשטער'ס תפלין, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, איז שחה לעפר נפשנו, דארף מען אויפהייבן די תפלין.

אונז האב מיר אפילו נישט די השגה ווי אזוי מען האט אמאל מקונן געווען אויפן חורבן בית המקדש. נישט אזוי לאנג צוריק. ווען איך בין געווען א קינד, האט געוואוינט ביי אונז א פעטער (הרה"ח רבי **יוסף גראס** ז"ל, גיסו של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**), ער איז געווען א אלמן פון די קריג, ער האט געוואוינט אליין, א פשוטער בעל הבית, יעדע נאכט ביי חצות איז ער אויפגעשטאנען, און ער האט געזאגט תיקון חצות, און נאכדעם האט ער זיך צוריקגעלייגט שלאפן.

**א' מהנוכחים:** דא זאגט מען תיקון חצות?

**רבינו:** יא. מען האט עס נאך נישט אויסגעריסן אינגאנצן, נאר די האלבע...

עס האט מיר געזאגט א יונגערמאן, אז ער איז אין א קאנטרי, וואו יעדער גייט ארויס אין די ניין טעג עסן אין רעסטוראנט'ס וכדומה, און ער איז דער איינציגסטער וואס גייט נישט. איך האב געלערנט אין וויען, איך האב נאך עפעס א זכר פון תיקון חצות, אז מען דארף מקונן זיין אויפן חורבן פונעם בית המקדש. איך קען מיך נישט ערלויבן...

ווען די וויענער שול האט זיך געעפענט אין וויליאמסבורג, אויף די צווייטע פלאץ, וואו מיר זענען יעצט אויף ליע עוועניו. איז געווען אז דער עולם האט געארבעט אינמיטן טאג, עס איז נישט געווען קיין כולל יונגעלייט, און עס איז נישט געווען ווער עס זאל זאגן תיקון חצות. איז געווען א יוד, ר' ישראל פאללאק, [ר' אפרים פאללאק'ס טאטע], ער איז געווען א בעל בתיש'ער יוד, און ער האט באצאלט פאר יודען אז זיי זאלן קומען זאגען תיקון חצות אין בית המדרש, עס זאל זיין א מנין צו תיקון חצות.

מען זאגט נאך אויפן פריערדיגען **נייטרא רב, רבי שמואל דוד** [זצ"ל הי"ד, בעל **נאות דשא**], אז אין ישיבה האט מען אויך געזאגט תיקון חצות מיט די בחורים, און ער האט אזוי מקונן געווען, אז אמאל איז אנגעקומען א גדול אים באזוכן, און ער האט געהערט פון אינדרויסן ווי אזוי ער זאגט תיקון חצות, האט ער געזאגט, אז ער קען זיך נישט פארשטעלן, אז אויב עס זאל יעצט קומען א טעלעגראם אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, אז מען זאל קענען מער מקונן זיין פון וואס ער האט מקונן געווען.

איך האב געלערנט אין נייטרא, מען האט אויך געזאגט תיקון חצות, א דריי פערטל שעה האט גענומען תיקון חצות, יעדע טאג פון די דריי וואכן. און מען האט נאר געזאגט איין פזמון א טאג, נישט אלע פינף. זונטאג די ערשטע, מאנטאג די צווייטע, אז נישט וואלט מען געדארפט זיצן נאך א שעה אין בית המדרש. דער נייטרא רב האט אליין פארגעזאגט, שטאט, מלה במלה, אזוי ווי מען ליינט איכה.

**א' מהנוכחים:** חסידישע רבי'ס האבן נישט געזאגט קיין תיקון חצות.

**רבינו:** מען האט נישט געזאגט ברבים, אבער ביחידות האבן זיי געזאגט. און דאס מאכט מען נישט נאך... **מיין טאטע ז"ל** איז געווען צוגעוואוינט פון דערהיים צו זאגן. עס איז טאקע נישט געווען קיין מנין אין שטוב, אבער יעדן טאג אין די דריי וואכן, נאכמיטאג ביי חצות, האט ער זיך אראפגעזעצט און געזאגט תיקון חצות. - על כל פנים דאס ביסל וואס שטייט אין שלחן ערוך אז מען דארף טון, ווי שווער עס איז, אז מען זאל עס טון, און מען זוכט זיך עצות.

ער קען נישט לעבן אן א שויער, און אן זויבערע בגדים, דאס ביסל אבילות וואס מען פארלאנגט שוין. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.

*

*יום חמישי פרשת מטות - מסעי*

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לכבוד השמחה.

*וזה תוכן השיחה:*

**רבינו** (בצחות): עס איז סעודת אסתר, ער האט א נאמען געגעבן אסתר. - עס שטייט די וואך אין די פרשה (במדבר לב-מא), אז יאיר בן מנשה האט איינגענומען די שטעטלעך, און ער האט עס אנגערופן חות יאיר, אויף זיין נאמען. עס שטייט אין רש"י, אז ער האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער געוואלט איבערלאזן א זכר אויף זיין נאמען, האט ער א נאמען געגעבן די שטאט חות יאיר. עס איז דא א ספר חוות יאיר, און ער שרייבט, אז זיין מאמע האט געהייסען חוה, און ער האט געהייסען יאיר, האט ער א נאמען געגעבן חות יאיר.

לויטן חשבון קומט אויס, אז יאיר בן מנשה האט געלעבט צוויי הונדערט און פופציג יאר, ביז די פרשה. ער איז געווען בן מנשה, פון די באי מצרים. צוויי הונדערט צען יאר אין מצרים אליין, און יעצט האלט מען שוין פערציג יאר שפעטער.

**הרה"ג רבי יעקב יצחק אלבוים:** דער יאיר בן מנשה וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, איז נישט געווען אין די ברכה פון ובני ישראל פרו וישרצו (שמות א-ז)?

**רבינו:** עס קען זיין אז וויבאלד ער איז נישט געווען אינעם שיעבוד, האט ער נישט געהאט די ברכה. כמדומה אז עס שטייט אויף שבט לוי, אז זיי זענען געווען מועטים פון די איבריגע שבטים, עס איז געווען אינגאנצן צוויי און צוואנציג טויזנט לוים, און מבן חודש. אלע האט מען געציילט מבן עשרים, און זיי האט מען געציילט מבן חודש, דאס איז אויך געווען ווייל זיי האבן נישט געהאט די ברכה, ווייל שבט לוי איז נישט געווען אינעם שיעבוד. און אז עס איז נישט געווען וכאשר יענו אותו, האבן זיי נישט געהאט די ברכה פון כן ירבה וכן יפרוץ (עיין **רמב"ן** במדבר ג-יד, **ובאור החיים הק'** שם).

מען זעהט אז עס איז א ברכה צו האבן אסאך קינדער, היינט מיינט מען אז עס איז א עול. דער פסוק (קהלת יא-ז) זאגט, כי אינך יודע איזה יוכשר, הזה או זה. מען ווייסט קיינמאל נישט פון וועלכע קינד מען וועט האבן די מערסטע נחת. אבן מאסו הבונים, היתה לראש פינה (עיין פסחים קיט.). מיין טאטע ז"ל איז געבליבן נאך די קריג איינער אליין פון די גאנצע משפחה. אן א טאטע, ברודערס, און שוועסטערס.

מען האט ארויסגעגעבן די מוהל ביכל פונם **חתם סופר**, זיי האבן געדרוקט אלע ברית'ן וואס ער האט געהאט. דער חתם סופר האט אלעס פארשריבן. דארט איז דא צענדליגער משפחה נעמען, וואס עס עקזיסטירט נישט היינט. א משפחה נאמען איז דאך דער טייטש נישט א יחיד, אזוי ווי מען זאגט היינט פריעדמאן. עס איז אויסגערעכנט דארט צענדליגער משפחות, וואס האבן געוואוינט אין פרעשבורג, ער איז נאר געווען מוהל אין פרעשבורג, וואס עס עקזיסטירט נישט קיין קינד און א אייניקל מיט אזא משפחה נאמען. מען ווייסט גארנישט וואס דער חורבן האט אנגעמאכט. מיטן היינטיגען שכל איז עס נישט צו פארשטיין ווי אזוי עס האט געקענט זיין. ווי אזוי עס האט געקענט שטיין א גאנצע וועלט, און יארן זאל מען הרג'נען מיליאנען מענטשען, און אין פוצה פה ומצפצף. די שנאה איז געווען אזוי גרויס, ער האט אים אויפגעזוכט, ער מוז אים טרעפן, אפשר וועט בלייבן נאך איינער. אז עס איז א גזירה פון אויבן, פארמאכט מען די אויגן פאר יעדן איינעם. – די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת לחיים לרגל סיום מסכת יומא שנלמדה על ידי חבורת בעלי בתים בבית מדרשנו בוומסב"ג.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **לייב האפמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בעלזא.

*

*ערב שבת פרשת מטות - מסעי*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ישראל משה באש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו**

**שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

***וזה תוכן השיחה:***

די וואך מטות און מסעי איז די לענגסטע פרשה מעביר סדרה צו זיין. עס איז מאריכין לו ימיו ושנותיו (ברכות ח.), ווען א מענטש איז מעביר סדרה יעדע וואך, האט ער אריכת ימים. אלעס וועט מען טון פאר אריכת ימים, אבער מעביר סדרה זיין איז א עול.

אפילו עטרות ודיבון (במדבר לב-ג). עס איז א מחלוקת צו מען קען זאגן די תרגום אויף עטרות ודיבון, צו מען דארף זאגן דריי מאל די פסוק. די תרגום איז נישט קיין ריכטיגע תרגום דערויף. עטרות ודיבון ווערט צוויי מאל אויסגערעכנט אין די פרשה (לב-ג, לב-לד), איינמאל טייטשט דער תרגום אנדערע לשונות, און איינמאל זאגט ער נאר עטרות ודיבון. דער תרגום אליין האט געטוישט די טייטש פון די ווערטער.

*

***שבת קודש פרשת מטות מסעי – ראש חודש אב***

בקריאת ההפטורה אמרו ההפטורה של שבת ראש חודש (השמים כסאי), ואמרו אב הרחמים (עקב התשעה ימים). אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום מסכת יומא על ידי הרב **יוחנן טווערסקי** שליט"א (משגיח בישיבה).

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי.

***וזה תוכן הסיפורים*** *(מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**לט.** סיפר **הרה"ק מפילץ זצ"ל** בשם רבינו, שבענין גילוי אליהו יש כמה מיני בחינות ויש כמו דמיונות. ואמר רבינו שהוא יודע להבחין, כי היה לו בקבלה מהו המראה האמיתית של גילוי אליהו. ואמר, שהסימן הוא, אם ביחד עמו נראה גם אלישע, ותיכף אחר הליכתם מהבית בא גיחזי, ושואל אם הם היו כאן. ואמר רבינו, כי זהו ענשו של גיחזי, שמאז ועד עתה הולך לחפשם ואינו מוצאם, כי תמיד הוא בא להמקום שזה עתה כרגע הלכו ממנו.

**וביאר רבינו:** מילא אז אליהו הנביא קומט, פארשטייט מען, אליהו איז דאך חי, ער לעבט דאך. ער איז ארויפגעגאנגען לעבעדיגערהייט אין הימל. אבער ווי אזוי קומט אלישע מיט, עס איז דאך נאכנישט דא קיין תחיית המתים. דער פשט איז, אז עס איז דא א געוויסע רוח פון אלישע, און פון גיחזי, וואס קומט מיט, מיט אליהו צוזאמען.

*

**מב.** סיפר רבינו, כי קודם נסיעתו לווארשא על חתונתו פקד עליו **המגיד מקאזניץ** ג' דברים. א, שלא יעבור עליו יום מבלי שיחדש דבר מה בלימוד. ב, שיתפלל ביחידות. ג, שילמוד בעיון ושקידה רבה ספר **בעל המאור**, ויתאמץ לתרץ ההשגות אשר השיג עליו **הרמב"ן** בספר **מלחמת ה'**.

**וביאר רבינו:** דאס וואס ער האט אים געזאגט, אז ער זאל דאווענען ביחידות, איז נישט דער פשט אזוי ווי מען מיינט היינט, אז מען דאווענט ביי זיך אין שטוב. ווייל אפילו ווען מען האט נישט קיין מנין, דארף מען דאווענען אין א בית המדרש. אזוי שטייט אין שלחן ערוך (או"ח צ-ט). עס איז א חשיבות צו דאווענען אין א בית המדרש. מיט מנין אדער אן מנין, דארף מען אייביג דאווענען אין א בית המדרש. נאר אין בית המדרש אליין האט ער נישט מיטגעהאלטן. ער האט געמיינט מיטן דאווענען ביחידות, אז ער זאל נישט יאגן דאס דאווענען, כדי ער זאל קענען אנקומען צוזאמען מיטן שליח ציבור צו דאווענען תפלה בציבור, נאר ער זאל דאווענען במתינות, כדי ער זאל קענען מכוון זיין מער דאס דאווענען. אפילו מען קומט נישט אן צוזאמען מיט תפלה בציבור, איז נאך אלץ דא א ענין צו דאווענען ווען דער ציבור דאווענט, עס שטייט אין **צל"ח** (ברכות ו.) אז ביז מען האט נישט געענדיגט דאס דאווענען, איז עס אין כלל פון בשעה שהציבור מתפללים, און עס ווערט עקסטער אנגענומען די תפלה, אפילו עס איז נישט ממש אזוי חשוב ווי תפלה בציבור. עס איז געווארן א שפעטערדיגע זאך וואס די רבי'ס האבן אנגעהויבן צו דאווענען אין עקסטערע שטיבלעך. אבער אפילו אנהויב ווען מען האט אנגעהויבן צו דאווענען אין עקסטערע שטיבלעך, און מען האט נישט מדקדק געווען צו דאווענען מיט מנין, איז עס

נאר געווען כדי מען זאל קענן דאווענען מיט מער מתינות, און מיט מער כוונה.

*

**מג.** סיפר **הרה"ג רבי אלעזר הכהן אב"ד פולטוסק זצ"ל** ששמע מרבינו שמאוד היה קשה לו לקיים ענין הנ"ל אודות ישוב דברי **בעל המאור**, כי כמה פעמים היה רואה **שהרמב"ן ז"ל** צדק בהשגותיו. וחסידים ישישים אמרו, כי כפי שהיה משמעות כמה פעמים מלשון רבינו, היה לו שורש נשמה מבעל המאור.

**והוסיף רבינו:** עס איז די וואך די יארצייט פונעם **ישמח משה.** דער **ישמח משה** מיטן **חתם סופר** האט מען געזאגט אויפן ישמח משה אז ער האט א שורש נשמה פונעם **רמב"ם**, און אויפן חתם סופר הט מען געזאגט, אז זיין שורש נשמה איז געווען פונעם **רמב"ן**. דער ישמח משה האט אסאך צוטון מיטן רמב"ם, און דער חתם סופר האט אסאך צוטון מיטן רמב"ן.

*

**מח. הרה"ק מקאצק** היה לימים גיסו של רבינו. וסיפר בנו של ר' משה חלפן (חותן רבינו), שאחר פטירת אביו דיבר פעם עם רבינו, בענין מה שאביו היה לו זכות כזה שאיש קדוש כהרבי מקאצק יהיה חתנו. ואמר לו רבינו, כשהייתי סמוך על שלחן אביך חותני, הייתי רגיל לבוא לביתי בשעה מאוחרת, בערך שעה ב' או ג' אחר חצות, וכבר היו ישנים אז כל בני הבית, ואביך היה תמיד ממתין עלי, והביא בעצמו לחדרי סעודת הערב לאכול. ובאשר היה תמיד הבשר והרוטב רותח, היה חידוש בעיני מי שומר ומשגיח על זה להחם המאכלים, והשגחתי איזה פעמים במכוון, וראיתי כי אביך בעצמו מביא עצים ומבעיר אש ומתקן המאכלים, ועשה הכל בזריזות וחשק מחמת חביבות רב שהיה אצלו הדבר. וראיתי כי היה מתאמץ להסתיר מעשיו ממני שלא ארגיש בדבר שהוא עושה כל זה, וגם כל התנהגותיו נגדי היה בטוב עין מאוד, ובוודאי בעבור זה זכה שיהיה איש קדוש כזה חתנו.

**והוסיף רבינו:** דאס איז א גמרא (שבת כג:) אז ווען איינער איז א מוקיר רבנן, ער שעצט תלמידי חכמים, איז ער זוכה אז ער וועט האבן איידימער תלמידי חכמים. אפילו מען האט נישט געשעצט תלמידי חכמים, אבער טאמער דער ערשטער איידעם איז געווען א תלמיד חכם, און מען האט אים געהעריג מכבד געווען, איז מען זוכה אז דער צווייטער איידעם ווערט אויך א תלמיד חכם. אז ער האט מוקיר געווען דעם ערשטען איידעם, דעם חידושי הרי"ם, האט ער זוכה געווען שפעטער אז דער קאצקער רבי איז אים אויך געווארן א איידעם.

*

**עד.** מפורסם מה שאמר רבינו הטעם שנקרא **היהודי הק'**, דאיתא בגמרא (מגילה יג.) על מרדכי היהודי דקרי ליה יהודי על שם שכפר בעבודה זרה, שכל הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי וכו'. ואמר רבינו, דהכוונה לכפור בעבודה זרה וכל אביזרייהו, כעין דאיתא כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה, וכן כל המתגאה כאילו עובד עבודה זרה, וכן שאר מדות רעות נחשבים משהו מאביזרייהו דעבודה זרה. והיהודי הק' היה נשמר מכל המדות הרעות ממש עד קצה האחרון שאפשר לבשר ודם להזהר, לכן קראוהו יהודי, שהוא הכופר בעבודה זרה וכל אביזרייהו.

**והוסיף רבינו:** די וועלט זאגט צוויי טעמים. איינס, ווייל ער האט געהייסען יעקב יצחק, און דער **רבי פון לובלין** האט אויך געהייסען יעקב יצחק, און ער איז געווען א תלמיד פונעם רבי פון לובלין, האט מען אים נישט געוואלט רופן אויף די זעלבע נאמען ווי דער רבי האט געהייסען, האט מען אים גערופן 'דער יוד'.

**מען** זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז ער האט געזאגט, אז מען האט אים גערפן דער יוד הק', ווייל יעדן טאג איז ער נשתנה געווארן פון זיין מדריגה וואס ער איז געווען נעכטן, אזוי ווי א גוי וואס ווערט נשתנה אויף א יוד, וואס עס איז א געוואלדיגע שינוי, אזוי איז געווען דער יוד הק'. יעדן טאג איז ער געווארן אזוי ווי א נייער יוד, כאילו ער האט זיך מגייר געווען פון די נעכטיגע עבודה, און ער איז געווארן א נייער מענטש.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

***יום ראשון פרשת עקב***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יואל לעפפלער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **שלום קליין** הי"ו, בשכונת פארק סייד, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעיות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו, שהתקיים באולם ראלי האטעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שלישי פרשת עקב***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש רודניק. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף גרינבוים** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם.

*

***יום רביעי פרשת עקב***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו תפארת יהושע. לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ישעי' קיש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **דוד האזענפעלד** הי"ו (החתן הר"ר חיים אלעזר שפיץ הי"ו) שהתקיים בבית המדרש אמונת ישראל במאנסי. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים ביחד עם **הגה"צ רבי משה וואלפסאון שליט"א** אב"ד אמונת ישראל.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, דער משגיח זאל זיין געזונט און שטארק, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, מיט לאנגע געזונטע יארן.

**אב"ד אמונת ישראל:** אמן. עס איז היינט די יארצייט פונעם **אמשינובער רבי** (האדמו"ר רבי שמעון מאמשינוב זצ"ל). דער רב האט אים געקענט?

**רבינו:** אפשר אלץ קינד.

**אב"ד אמונת ישראל:** ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם. ער איז געווען א רבי. עס איז אמאל אריינגעקומען א יוד, א מתפלל ביי אים, אז ער מאכט א ברית, און ער האט אים געוואלט מכבד זיין צו זיין סנדק. האט אים דער אמשינובער געפרעגט, פארוואס נעמסטו נישט אליין סנדקאות. זאגט ער, איך וויל מכבד זיין א ערליכער יוד. דעמאלטס איז געווען מאנטאג, פרעגט ער אים, ווען וועט זיין דער ברית, זאגט ער, מיטוואך. זאגט אים דער אמשינוב'ער, אויף מיר געזאגט געווארן, פון יעצט ביז מיטוואך, ווי א גרויסער ערליכער יוד דו קענסט נאך זיין...

ער האט געראטעוועט די ישיבות קיין יאפאן. יאפאן איז אמאל געווען מקושר מיט די נאציס ימח שמם, און דער ראש ימח שמו האט געפאדערט פון יאפאן, אז די יודען וואס זענען געקומען קיין יאפאן, זאל מען זיי ה' ירחמנו. און יאפאן האט גארנישט געוואוסט פון יודען. האט מען גערעדט מיט נאך רבנים, מען וויל וויסען פארוואס האט דער צורר היהודים אזוי פיינט יודען. האט ער געזאגט, ווייל יודען זענען אזיאטן, זיי קומען פון אזיע, און זיי האבן פיינט מענטשען פון אזיע. און דאס מיינט אז יאפאן האט ער אויך פיינט. האט ער געזאגט, מנלן. איז פונקט געווען, דער אייבערשטער האט געהאלפן, אז עס איז געווען איינער פון די פקידים פון די מלוכה איז געלאפן און געבראכט אן ארטיקל וואס ער האט געהאט אין זיינע פייל"ס, אז אין ענגלאנד האט איינער פון די פרינצן געמומען א פרוי פון יאפאן, און די צייטונג האט אים זייער קריטיקירט, פון יאפאן נעמסטו?! איז א סימן אז די יוראפ'ער האבן פיינט די יאפאנ'ער. און דאס האט געראטעוועט די יודען.

**רבינו:** הלכה בידוע שעשו שונא את יעקב (ספרי בהעלותך ט). זיי זענען ערליכע גוים, זיי זענען מקיים די הלכה. די וועלט זאגט נאך פון **רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע**, אז אין פרשה אין די תורה ווערט אנגערופן אויף א גוי, בלק. ווייל ער איז געווען

א ערליכער גוי, ער האט געהאט א שנאה אויף יודען, און ער האט עס ארויסגעזאגט, און ער האט גערופן בלעם זאל זיי שעלטן. ער האט זיך געפירט ערליך.

**אב"ד אמונת ישראל:** דער אמשינובער איז אויך געווען א גרויסער חכם. ער איז אמאל געפארן מיט א פיאקער, און ער האט געזעהן א קליין שגץ'ל, האט ער געזאגט, דער שגץ'ל איז א יתום. איז איינער ארונטערגעלאפן און געפרעגט דעם שגץ, דו האסט א טאטע? האט ער געזאגט, ניין. האבן זיך אלע געוואונדערט פון וואנעט ווייסט דער רבי אז עס איז אזוי, דער רבי האט רוח הקודש? האט ער געזאגט, ניין, איך האב געזעהן אז זיין קאפעלוטש איז צו גרויס אויף אים, האט ער מן הסתם גענומען דעם טאטענס קאפעלוטש...

**רבינו:** דאס מיינט א דור יתום, אז דער קאפעלוטש איז גרעסער ווי דער מענטש...

**ובירכו רבינו:** מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

*

***יום חמישי פרשת עקב***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו תפארת יהושע. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר ***מיכל נידערמאן*** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה זאגט די תורה הק', ווען יודען וועלן האלטן די תורה, והסיר ה' ממך כל חולי, דער באשעפער וועט אוועקנעמען אלע קראנקהייטן, וכל מדוי מצרים הרעים אשר ידעת לא ישימם בך, די מדוה פון מצרים וועט דער באשעפער נישט לייגען אויף דיר, ונתנם בכל שונאיך, ער וועט עס געבן פאר די פיינט (דברים ז-טו). לעולם איז דא א דיוק, ער זאגט וכל מדוי מצרים הרעים לא 'ישימם' בך, א לשון שימה, און נאכדעם זאגט ער 'ונתנם' בכל שונאיך, א לשון נתינה. ער וואלט געדארפט זאגעןביידע די זעלבע, לא יתנם בך, ונתנם בכל שונאיך. אדער לא ישימם בך, ואשימם בכל שונאיך. אויף יודען זאגט ער א לשון שימה, און אויף די גוים זאגט ער א לשון נתינה.

**איך** האב געזעהן שטיין כמדומה פונעם **אמרי אמת**, אז די גמרא (כריתות ו:) זאגט, אז ווי עס שטייט 'שימה', מיינט עס א כל דהו, אביסל. אפילו מען האט אריינגעלייגט אביסל, האט מען יוצא געווען. וואו עס שטייט 'נתינה', מוז עס זיין א דבר חשוב. זאגט דער אייבערשטער, אז די מדוי מצרים הרעים לא ישימם בך, אויף דיר וועל איך אפילו א שימה, אפילו א קלייניגקייט אויך נישט לייגען. אבער ונתנם בכל שנאיך, פאר זיי וועט דער אייבערשטער לייגען א שיעור נתינה.

**נאכדעם** האב איך געזעהן פון **רבי שלמה גאנצפריד**, דער בעל **קיצור שלחן ערוך**, ער זאגט אויך א חילוק צווישן שימה און נתינה. אז ווען מען לייגט א זאך פרעוויזאריש, זאגט מען שימה, מען האט עס אראפגעלייגט. א זאך וואס מען לייגט אז עס זאל בלייבען דארט, ווערט אנגערופן א נתינה. זאגט די תורה, אז די מדוי מצרים הרעים לא ישימם בך, אויף דיר וועל איך עס נישט לייגען אפילו נאר אויף א דרך ארעי, אבער ונתנם בכל שונאיך, אויף זיי וועט זיין א נתינה.

**אבער** עס איז דא א דיוק אין אנהייב פונעם פסוק, והסיר ה' ממך כל חולי, דאס איז טייטש, אז עס וועט זיין א קראנקהייט, נאר דער אייבערשטער וועט אראפנעמען פון דיר די קראנקהייט. און נאכדעם זאגט ער, וכל מדוי מצרים הרעים לא ישימם, וועט ער נישט לייגען. אין אנהייב פסוק איז משמע אז עס וועט זיין א חולי, נאר והסיר ה' ממך כל חולי, דער באשעפער וועט אראפנעמען די חולי. און נאכדעם זאגט ער, אז ער וועט עס בכלל נישט לייגען.

**איך** האב געזעהן שטיין אמאל, אז די גמרא (מגילה יז:) זאגט, אז די ברכות פון שמונה עשרה איז אויסגעשטעלט מיט א סדר. פרעגט די גמרא, פארוואס די ברכה פון רפאנו איז דער אכטער ברכה פון די שמונה עשרה. זאגט די גמרא, מתוך שניתנה מילה בשמינית, ווייל מילה איז ניתנה לשמיני, מען מל'ט א קינד צו די אכט טאג, שצריכה רפואה, און ווען מען מל'ט א קינד, דארף דאס קינד האבן א רפואה, האט מען קובע געווען אז די ברכה פון רפואה, זאל זיין די אכטע ברכה, כדי מרמז צו זיין אז א קינד וואס מען מל'ט, זאל האבן א רפואה.

**איך** האב געזעהן שטיין אויף די גמרא, אז די קשיא איז א דאפעלטע קשיא. פארוואס בעהט מען, רפאנו ה׳ ונרפא, הייל אונז. פארוואס בעהט מען נישט, באשעפער געב אונז נישט קיין מחלה. עס איז נישט דא קיין תפלה אין די שמונה עשרה, אז דער באשעפער זאל נישט געבן א מחלה. מען בעהט נאר, אונז האב מיר מחלות, און רפאנו ה׳ ונרפא. מען וואלט געדארפט בעטן, לא תתן עלינו מחלה.

**נאר** עס איז דא איין מחלה וואס יעדער יוד דארף אדורכגיין, וואס דאס איז ברית מילה. ווען מען מל׳ט א קינד, איז דאך דאס כי עליך הרגנו כל היום, ממילא בעהט מען א רפואה פאר די קינדער וואס מען מל׳ט. און אין זכות פון די קינדער וואס דארפן דאס אדורכגיין, און דער באשעפער שיקט א רפואה פאר זיי, זאל שוין קומען א רפואה פאר אלע אנדערע מחלות אויך.

**איז** די קשיא פון די גמרא מפני מה ניתנה רפואה בשמיני, א דאפעלטע קשיא. פארוואס איז ניתנה ׳רפואה׳, פארוואס איז די ברכה אויף רפואה, די ברכה וואלט געדארפט זיין, מען זאל מעיקרא נישט קראנק זיין. און נאך א קשיא, פארוואס איז עס בשמיני, פארוואס איז עס די אכטע ברכה. זאגט די גמרא, ווייל ׳מתוך שניתנה מילה בשמינית׳, ווייל מילה איז בשמיני, האט מען עס קובע געווען ביי די אכטע ברכה, ׳שצריכה רפואה׳, און מילה דארף דאך א רפואה, וועגן דעם האט מען קובע געווען די ברכה רפאנו.

**קומט** אויס, אז איין חולי דארף יעדער יוד אדורכגיין, וואס דאס איז מצות מילה. און אויף דעם האט דאך דער אייבערשטער אנגעגרייט א רפואה, ווייל דער באשעפער וועט דאך נישט געבן פאר אונז א מצוה, וואס עס איז נישט דא קיין רפואה דערויף. מוז דאך דער אייבערשטער געבן א רפואה ביי מילה, און דאס איז ממשיך א רפואה אויף אלע קראנקהייטן וואס דער מענטש האט. קומט אויס, אז יעדער מענטש דארף אדורכגיין איין חולי, ברית מילה. און אויף דעם זאגט מען, והסיר ה׳ ממך כל חולי, אפילו ברית מילה וואס דארף ברענגען א חולי, זאל דער אייבערשטער אוועקנעמען די חולי, ווייל דאס האסטו געמוזט אדורכגיין. אבער וכל מדוי מצרים הרעים, סתם די חלאים וואס די מצרים האבן געהאט, לא ישימם בך, דאס וועל איך אפילו נישט ארויפלייגען אויף דיר. אבער א חולי פון מילה האב איך דאך יא ארויפגעלייגט אויף דיר, והסיר ה׳ ממך כל חולי, די חולי וועט דער באשעפער צונעמען פון דיר.

**חולי** איז געשריבן ח׳ ל׳ י׳. ח׳ דאס איז מצות מילה וואס איז ליום ח׳, און מצות מילה איז א ברית ביני ובינך, לי. והסיר ה׳ ממך כל חולי, דער באשעפער וועט אוועקנעמען די חולי וואס איז דא ביי א ברית מילה, ח׳ וואס דאס איז ל״י, וואס מען מל׳ט א קינד פאר מיר. און דורכדעם וועט דער אייבערשטער אוועקנעמען אלע חלאים. דאס איז ביי מילה. און אנדערע חלאים, וכל מדוי מצרים הרעים, לא ישימם בך, דאס וועט דער אייבערשטער מעיקרא נישט ארויפלייגען.

*

***ערב שבת פרשת עקב***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט״א** לסאטמאר כולל קאנטרי (ווייט לעיק), ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר״ר **יואל** (ב״ר **בנציון אהרן**) **ווערצבערגער** הי״ו.

*

***שבת קודש פרשת עקב***

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט״א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט״א** כיבד את הר״ר **אליעזר מרדכי שווארץ** הי״ו, ובנו הר״ר **משה יצחק** הי״ו, לשור ניגון. **רבינו שליט״א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה״ק בעל חידושי הרי״ם זי״ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה), ומאת **הרה״ק מסאטמאר זי״ע** (מתוך הספר שיח זקנים ח״י). בברכת המזון נתכבד **הגה״צ אב״ד בראשוב שליט״א**.

***וזה תוכן הסיפורים*** *(מה שרבינו שליט״א הוסיף עליהם)*:

**קי. רבינו זצ״ל** עשה נסיעותיו לפרשיסחא **להרבי ר׳ בונם** במסירת נפש, כי בכל פעם שנסע לפרשיסחא קרה לו סיבה ונעדר ממנו ילד אחד מילדיו רח״ל, מהקפדתו של **רבי משה מקאזניץ זצ״ל**. אבל הוא לא השגיח על שום דבר ונתדבק בכל לבו ונפשו בהרבי ר׳ בונם זצ״ל, והיה מפליג מאוד במדריגתו הגבוהה מאוד מאוד.

**קכב.** רבינו זצ״ל אמר על עצמו, י״ז נסיעות נסעתי לפרשיסחא, וי״ז סיבות היו לי מהעדר בנים רח״ל.

וידעתי בטח שהעונש היה מהקפדתם של הרבנים הקדושים מקאזניץ ומאפטא זצ"ל, אבל אין לי שום חרטה על מעשי.

**קכה.** איזה שנים אחר פטירת **הרה"ק רבי משה מקאזניץ זצ"ל** קרה לרבינו זצ"ל סיבה שנעדר ממנו ילד אחד רח"ל, והצטער מאוד אז, וסיפר חסיד ישיש אחד, ששמע אז מפה קדשו של רבינו, גם עתה אחר פטירתו אינו מניח אותי אף שכבר הוא בעולם האמת.

**וביאר רבינו:** איך וויל ארויסברענגען א געוויסע נקודה, מען האט גערעדט דאס פאריגע מאל, אז עס איז נישט פשט, אז **רבי משה'לע קאזניצער** האט אים מעניש געווען ווייל ער איז געפארן קיין פרשיסחא, און וועגן דעם האט ער שטענדיג פארלוירן א קינד, כאילו ער האט נקמה גענומען אין אים. צדיקים האבן ליב יעדן יוד, און ער האט עס געמיינט ערליך. די נקודה וואס מען האט גערעדט איז געווען, אז הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה (אבות ב-י), וועג א מענטש רירט צו, צו א פייער, ווערט ער אפגעבריהט. צו ער האט א תירוץ, צו ער האט נישט קיין תירוץ, עס איז נישט קיין נפקא מינה, אז דו האסט צוגערירט צו א גחלת, איז מען אפגעבריהט געווארן. עס איז געווען א חלישת הדעת וואס עס קומט ארויס פון א מענטש צו א צדיק, יא גערעכט נישט גערעכט, עס איז נישט קיין נפקא מינה. אז דו האסט צוגערירט צו דעם גחלת, דער גחלת ברענגט צו, אז מען ווערט אפגעבריהט.

**דאס** אז עס איז אוועק פאר אים א קינד נאכדעם וואס דער רבי משה'לע איז נסתלק געווארן, דאס ווייזט אז עס האט גארנישט געהאט צוטון מיט רבי משה'לע אליין. אויף די וועלט איז שייך קנאה, עס איז שייך הקפדה, עס איז שייך עס טוט וויי, עס איז שייך חלישת הדעת, אבער יענע וועלט איז א עולם האמת, דארט איז נישט דא די אלע חשבונות וואס מען האט אויף די וועלט. עס איז נישט מעגליך אז אין עולם האמת זאל א מענטש מעניש זיין אויף א זאך וואס יענער האט אים געטון א עולה, ווייל דארט זענען די אלע חשבונות נישט דא. און אז עס האט געקענט פאסירן אזא זאך, אז אפילו נאכדעם וואס רבי משה'לע איז נסתלק געווארן, איז נאך אלץ אוועק א קינד, דאס ווייזט אז עס האט גארנישט צוטון מיטן פערזענליכקייט פון א הקפדה און א ווייטאג פאר רבי משה'לע וואס ער האט געהאט צו אים. עס איז געווען א ענין פון הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה.

*

**עס** קען זיין אז עס ליגט נאך א ענין פארוואס ווען ער איז געפארן צו זיין רבי, האט אלץ פאסירט אזא זאך. כדי מען זאל קענען מקבל זיין תורה, און מען זאל קענען שטייגען, דארף מען האבן א צובראכן הארץ, לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה (תהלים נא-יט) וואו עס איז דא א לב נשבר, דארט איז דא א השראת השכינה. משה רבינו איז געווען דער גרעסטער וואס האט מקבל געווען תורה פונעם אייבערשטען, און עס איז געווען והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), ווי מער צובראכן א מענטש איז, איז ער מער מקבל.

**עס** שטייט אין **היכל הברכה** פונעם הייליגען **קאמארנער זי"ע** (פרשת ואתחנן), שרייבט ער אויף זיין רבי, **רבי הערש'לע זידיטשוב'ער זי"ע**, אז רבי הערש'לע איז אמאל געפארן אויף א שבת אין דער פרעמד, און עס איז געווען א פלאץ וואו עס איז געווען אסאך מתנגדים, און מען איז געוואר געווארן אז ער איז דארט אויף שבת, האט מען אים גע'רודפ'ט, אז ער האט געמוזט איבערלאזן די שטאט, ערב שבת נאכמיטאג האט ער געמוזט אנטלויפן, ווייל עס איז געווען ביי אים פיקוח נפש. און ער איז אוועק פון די שטאט מיט וואכעדיגע קליידער, אן קיין שבת'דיגע סעודה, און ער האט זיך ארומגעוואלגערט אין א וואלד פרייטאג צו נאכטס אליין. האט רבי הערשלע געזאגט, איך האב מתפלל געווען צום אייבערשטען, רבונו של עולם איך האב אזא חלישת הדעת, איך דארף אזוי אריינגיין אינעם שבת, באצאל עס מיר, אז איך זאל שפירן א טעם אינעם דאווענען פרייטאג צונאכטס. און ביים דאווענען האב איך געהאט א געוואלדיגע הארה, וואס אזא הארה האב איך נישט געהאט נאך אין מיין לעבן. אזוי האט רבי הערשלע זידיטשוב'ער פארציילט. נאך אזא חלישת הדעת וואס ער האט געהאט ערב שבת, האט ער געהאט שפעטער א געוואלדיגע הארה.

**און** ער ברענגט דארט צו, אז רבי הערשלע האט אים אמאל געזאגט, אז ער איז מתפלל צום אייבערשטען, אז יעדע חלישת הדעת וואס ער דארף האבן, זאל אים

דער אייבערשטער געבן ערב שבת, כדי ער זאל אריינגיין אינעם שבת צובראכענערהייט, ווײַל דער שבת ביי אים לייכטן. וואס עס איז אים באשערט חלישת הדעת, זאל ער עס האבן ערב שבת. - חלישת הדעת וואס א מענטש האט, ברענגט שפעטער מדריגות, וואס מען וואקסט דערמיט. דער **חידושי הרי"ם** האט אזויפיל מקבל געווען פון זיין רבי, ווען ער איז געפארן צו זיין רבי, און כדי ער זאל זיין א כלי ער זאל קענען מקבל זיין וואס ער האט געדארפט מקבל צו זיין, האט מען פון הימל אים צוגעפירט א עגמת נפש. און ווי גרעסער דער עגמת נפש איז געווען, האט ער שפעטער געקענט מער מקבל זיין. - על כל פנים, די נקודה וואס איך וויל ארויסברענגען, אז עס איז נישט געווען א פשוטע הקפדה וואס א מענטש איז מקפיד אויף יענעם, און וועגן דעם פאסירט ל"ע עפעס, נאר עס איז אלעס געווען העכערע ענינים, וואס איז געווען ביי די צדיקים.

*

**קכג.** סיפר **האדמו"ר מאלכסנדר זצ"ל** שפעם אחת אחר סיבה רח"ל שהיה לרבינו זצ"ל, נסע עוד פעם לפרשיסחא, **והרבי ר' בונם** הושיט לו ידו הקדושה באהבה ושמחה רבה, אמר לפניו רבינו בהתנצלות ואנחה רבה, הלא מקרא מפורש (תהלים קג-יז) וחסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו, ואחר סיבות קשות שאירעו לי, היכן החסד. ומזה הנני מבין, כי אינני בכלל יראיו. והשיב לו הרבי ר' בונם זצ"ל, שפיל לסיפיה דקרא, וצדקתו לבני בנים.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון מיין פעטער דער **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, אז עס זענען געווען צדיקים וואס האבן געהאט ברייטע טישן, און עס זענען געווען צדיקים וואס האבן געהאט לאנגע טישן. האט ער געזאגט, די וואס האבן געהאט ברייטע טישן איז דער טייטש, אז זיי האבן געהאט א גרויסן עולם, מיט א ברייטען פארנעם וכדומה, אבער עס איז נישט נמשך געווארן אין די לענג. און עס זענען געווען צדיקים וואס האבן נישט געהאט קיין סאך, אבער שפעטער זענען זייערע דורות געווען לאנגע דורות. עס איז דא אמאל וואס עס איז חסד ה' על יראיו, און אמאל איז וצדקתו לבני בנים.

**מיין טאטע ז"ל** פלעגט צו טייטשן, נער הייתי גם זקנתי, ולא ראיתי צדיק נעזב, וזרעו מבקש לחם (תהלים לז-כה), האט ער געזאגט, ולא ראיתי צדיק נעזב?! מען זעהט אסאך מאל צדיקים וואס זענען נעזב. עס קוקט אויס אזוי ווי זיי זענען איבערגעלאזט פונעם אייבערשטען. האט ער געזאגט, אז דער פשט אין פסוק איז, אז עס גייט צוזאמען. ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם, אז עס זאל זיין סיי אז דער צדיק זאל זיין נעזב, און סיי עס זאל זיין זרעו מבקש לחם, דאס האב איך נישט געזעהן. ווייל ווען א צדיק איז נעזב, באצאלט עס דער אייבערשטער פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך, אז זיי זענען נישט נעזב. אבער אז עס זאל זיין ביידע, צדיק נעזב און זרעו מבקש לחם, דאס האט ער נישט געזעהן.

* * *

**עס** איז די וואך די יארצייט פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, וועל איך עפעס פארציילען. - איך בין קיינמאל נישט געווען פורים ביים סאטמארער רב זי"ע ביי די סעודה. ער פלעגט צו דאווענען בדרך כלל שפעט א גאנץ יאר, און פורים אויך. ווען ער האט געענדיגט מגילה ליינען פלעגט צו זיין בערך צוויי, האלב דריי נאכמיטאג. ער איז אהיימגעגאנגען, ער פלעגט עפעס טועם צו זיין, און ער האט תיכף אנגעהויבן אויפצונעמען דעם עולם. עס איז אדורכגעגאנגען פורים א גרויסער עולם, א שעה, צוויי, צו אפשר מער, איז מען אדורכגעגאנגען זיך געזעגענען. נאכדעם איז ער אראפגעגאנגען צו זיך אין בית המדרש, דארט האט ער זיך געוואשן, ער האט נישט געפירט קיין גרויסן טיש, ער פלעגט צו טרינקען אפאר גלעזלעך וויין, ביז ער איז געווארן בדיחא דעתיה, און מען האט אים אנגעכאפט און אזוי ארויפגעטראגען אין שטוב, און ער איז איינגעשלאפן, און שפעטער ביינאכט פלעגט ער אראפצוקומען גומר צו זיין דעם טיש, און צו בענטשען.

**מיין טאטע ז"ל** פלעגט מיך שיקן יעדעס יאר מיט משלוח מנות, איך רעד די יארן ווען ער איז נאך געזונט געווען, און איך פלעג באקומען יעדעס יאר פינף דאלער. ער האט ארויסגענומען פונעם וועסטל טאש א פינפ'ער. דער סאטמארער רב איז געווען זייער נזהר אין געלט זאכען, ער האט געהאט פארשידענע געלטער, וואס ער האט גענוצט פאר זיך, און וואס ער האט גענוצט פאר אנדערע, אין

אלע זיינע טאשן זענען געווען אנדערע סארט געלטער, ער האט אלץ געגעבן פון די זעלבע וועסטל טאש האט ער ארויסגענומען פינף דאלער, און ער האט עס מיר געגעבן.

**די** שטוב וואו דער סאטמארער רב ז"ל איז געזעסן, איז מען אריינגעקומען אקעגן איבער אים. און די וואס זענען געקומען זיך געזעגענען, זענען געקומען אויף די לינקע זייט פון אים. עס איז נישט געקומען איינער אליין, נאר א גאנצע רייע איז געשטאנען ביז אינדרויסן. אין יענע שטוב איז געזעסן דער גבאי, און דארט האט מען געשריבן די קוויטלעך, און אזוי איז מען אריינגעקומען. ווען איך האב געברענגט משלוח מנות, פלעג איך צו קומען פון די אנדערע זייט. די זייט איז געווען ליידיג, דא איז מען נישט געשטאנען, און איך פלעג צוגיין און געברענגט די משלוח מנות, און געזאגט פון ווען איך ברענג עס. - מיין טאטע ז"ל האט אים געשיקט יעדעס יאר אויסער די משלוח מנות, א ציגאר. ער פלעגט מיר אייביג הייסען פאר פורים, אז איך זאל קויפן א גרויסע לאנגע ציגאר, און דאס האט ער ארויפגעלייגט. איך ווייס נישט צו ער האט עס געמאכט פאר שיינקייט, צו ווייל ער האט געהערט אז ער רייכערט אמאל, איך ווייס נישט וואס די סיבה איז געווען. אבער אזוי פלעגט אויסקוקען די משלוח מנות. - דער סאטמארער רב פלעגט עס איבערצונעמען, אסאך מאל האט ער עס געלאזט ליגן אויפן טיש, און א טייל מאל האט ער געזאגט, אז איך זאל עס אראפטראגען אונטען פאר די רעבעצין.

*

**מענין** לענין באותו ענין, די וואך איז אויך די יארצייט פונעם **ספינקער רבי, רבי הערשלע זצ"ל.** אלץ יונגערמאן פלעג איך ארומצוגיין פורים צו די גוטע יודען וואס זענען געווען אין שטאט, זיך צו געזעגענען. איך בין אמאל געווען ביים ספינקער רבי רבי הערשלע פורים, ער איז אויך געזעסן אויבן אן, די טיר וואו מען איז אריינגעקומען איז געווען אקעגן איבער. און אויך די זעלבע, אויף די לינקע זייט איז געווען א לאנגע שורה, דער עולם איז זיך געקומען געזעגענען. איך האב געזעהן אז עס וועט נעמען זייער לאנג ביז איך וועל אנקומען אויף די זייט, [אפשר בין איך געווען אביסל אנגעטרינקען], בין איך געגאנגען אויף די רעכטע זייט, וואו עס איז געווען ליידיג, און איך בין צוגעגאנגען גראד צו רבי הערשלע, און אראפגעלייגט א קוויטל.

**ער** קוקט מיך אן, ער האט מיך געקענט, און ער הייבט אן שטארק צו לאכען. איך קוק אים אן פארוואס ער לאכט, זאגט ער מיר, איך האב זיך דערמאנט א מעשה. אלץ יונגערמאן בין איך געווען ביים סאטמארער רב פאר די הייליגע טעג, איך האב זיך געוואלט געזעגענען. איך קום אריין אין שטוב, און איך זעה אז עס איז דא א לאנגע שורה אויף די לינקע זייט, וואו דער עולם גייט זיך געזעגענען. און איך האב געזעהן, אז ביז עס וועט אנקומען מיין רייע וועט זיין שפעט, און איך האב נאך געהאט צו טון פאר יום טוב. אינמיטן זעה איך אז אייער טאטע קומט אן, און אנשטאט שטיין אין די רייע, גייט ער גראד אויף די רעכטע זייט, און ער גייט צו ביז צום סאטמארער רב, און ער גיט אים א קוויטל. האט איך געזעהן אז א בנן של קדושים קען זיך א עצה געבן, און גיין פון די זייט, האב איך אים נאכגעמאכט, און איך בין אויך געגאנגען אויף די זייט. און איך זעה אז איר האט עס נאכגעמאכט, האב איך זיך דערמאנט דערין, וועגן דעם האב איך זיך צולאכט.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**

# פרשת ראה כ"ג - כ"ט אב תשפ"א לפ"ק

***יום שלישי פרשת ראה***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג. באמצע הדרך עצר **רבינו שליט"א** בעיר קרית יואל ועלה לציונו של **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**, ושהה באמירת פרקי תהלים למשך זמן.

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגה"צ רבי משה מנחם ווייס שליט"א** אב"ד סאטמאר לאנדאן, לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

*

***יום רביעי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היומא דהילולא של **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**.

***וזה תוכן השיחה:***

לחיים טובים ולשלום, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. דער **סאטמארער רב זי"ע** האט אויפגעשטעלט יודישקייט אין אמעריקא. ער האט אליין נישט געוואוסט וואס ער שטעלט אויף. ער האט נישט גע'חלומ'ט אז ער וועט אזוי ווייט אנקומען. ער האט אראפגעשטעלט אז עס איז נישט דא קיין פשרות, אמעריקא איז נישט אנדערש פון וואס עס איז געווען אינדערהיים. אלע צדיקים האבן אזוי געהאלטן, עס איז נישט געווען קיין מחלוקת דערין, אבער ער האט עס אויסגעפירט הלכה למעשה. וואו עס איז געווען עפעס א זאך וואס מען האט זיך אוועקגערוקט, האט ער געקלאפט אויפן טיש. חינוך, תלמוד תורה'ס, די קעמפ, אז זומער איז נישט אנדערש פון א גאץ יאר. ביז דעמאלטס האט מען אין אמעריקא די צוויי חדשים נישט געלערנט. ער איז געווען דער ערשטער וואס האט איינגעפירט, אז אין א קעמפ דארף מען זיצן און לערנען א גאנצן טאג.

ווען איך בין געווען א יונגעל בין איך געווען אין קעמפ. דער סאטמארער רב פלעגט צו קומען איינמאל א זומער באזוכן די קינדער אין קעמפ. ווען די קינדער זענען אדורך שלום געבן, איז געווען פאר מיר א יונגעל, א קרוב צום רבי'ן, און מען האט אים פארגעשטעלט, אז דאס יונגעל איז דער זון פון דעם און דעם. און ער גיט אים א פרעג, די קעמפ איז גוט? זאגט ער, ניין. פרעגט ער, וואס איז. זאגט ער, מען לערנט א גאנצן טאג. האט אים דער סאטמארער רב געזאגט, נו וועגן דעם הייסט דאך די קעמפ 'רב טוב', ווייל אין טוב אלא תורה (אבות ו-ג), ווייל מען לערנט אסאך תורה. זאגט ער ווייטער, דאס יונגעל טייטשט אנדערש, 'אין טוב', עס איז נישט גוט, 'אלא תורה', ווייל עס איז דא נאר תורה...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

*

***יום חמישי פרשת ראה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **מאיר זאב ווערטהיימער** הי"ו. - בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **פנחס אבערלענדער** הי"ו. - אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת ראה***

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה). בברכת המזון נתכבד הרב רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**רב.** אחד מגדולי הצדיקים שאל את **רבינו זי"ע** הרי אתם בעצמכם יודעים כי הנכם ראוים לאותה איצטלא להנהיג אלפים ורבבות מבני ישראל, איזה מקום יש בנסיעתכם **להרה"ק מקאצק זי"ע** לטאמשוב, מרחק גדול מווארשא, שיש בזה ביטול תורה דרבים, מן התלמידים שלכם בווארשא, ואיך הנכם רשאים להשתמש בזה בענוות שלכם. והשיב לו רבינו, זהו פסוק מפורש (משלי כג-כג) אמת קנה ואל תמכור. ואני מפרש כן, שכל זמן שהנך משיג עוד באיזה מקום לקנות אמת, אז לא תהיה מוכר לאחרים. ורק כשלא תראה עבורך מקום לקנות עוד, אז הנך רשאי להעשות מוכר לאחרים. ואני רואה בטאמשוב מקום לקנות עוד אמת.

**והוסיף רבינו:** און וואס האט זיך געענדיגט. אז שפעטער נאכן **רבי'ן פון קאצק** איז דער **חידושי הרי"ם** געווארן דער רבי. דער חידושי הרי"ם האט גארנישט דערלייגט אז ער איז נישט געווארן רבי

דעמאלטס, ווייל שפעטער איז ער געווארן רבי. און לכבוד דעם האט ער מאריך ימים געווען נאך אפאר יאר, ביז דער קאצקער רבי איז נסתלק געווארן, און דעמאלטס איז געקומען זיין רייע. עס איז דא א גמרא (ברכות סד.), אז ווען פאר איינעם איז באשערט אז ער זאל האבן א הנהגה, איז טאמער שטופט ער נישט די שעה, ער איז נישט דוחק די שעה, די הנהגה איז אים באשערט, און אז ער וועט עס נישט האבן יעצט, וועט ער איסלעבן ביז עס וועט אנקומען די הנהגה צו אים. האט ער אויסגעווארט ביז די הנהגה איז אנגעקומען צו אים. און וועגן זיין אמת'דיגקייט, וואס ער האט עס נישט געוואלט אננעמען, זעהט מען אז פון קאצק איז נישט נמשך געווארן א שלשלת, און פונעם חידושי הרי"ם איז נמשך געווארן א שלשלת ביזן היינטיגען טאג. דער אייבערשטער באצאלט, אפילו א מענטש גיט אוועק פון זיין גרויסקייט, פון זיין הנהגה, גיט ער אוועק. ער וואלט דאך אויך געקענט מרביץ תורה זיין, און פירן די חסידים. דורכדעם וואס ער האט אפגעטרעטען פארן רב'ין פון קאצק, האט אים דער אייבערשטער באצאלט, אז ער איז שפעטער געווארן א מנהיג ביי יודען. מען האט שוין גערעדט, אז עס איז דא ברייטע טישן מיט לאנגע טישן. ער האט געהאט לאנגע טישן, וואס שפעטער איז עס אריבער געגאנגען פאר זיינע דורות נאכדעם.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**